האָט געשפּילט מיט אידישקייט דעם אמתן קידער־ווידער: אָט האָט ער זיך צוגערוקט, אָט האָט ער זיך אָפּגערוקט, און לסוף האָט ער זיך געוואָרפן אין די אָרעמס פון דער קירך. פראַנץ ווערפעל האָט געמיינט צו פאַרדעקן זיין אידישקייט מיט דער פרומער התפעלות וואָס ער האָט געשעפּט פון די קאַטוילישע הייליקע. מיר, וואָס האָבן געלעבט אין פוילן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, געדענקען נאָך גאַנץ גוט דעם טאָן פון ביליקן חוזק, מיט וועלכן דער דיכטער אַנטאָני סלאָנימסקי, אַן אייניקל פון תלמיד־חכם חיים זעליק סלאָנימסקי, פלעגט שרייבן וועגן דער אידישער טראַדיציע און אידישן לעבנס־שטייגער. דער פירנדיקער פוילישער ליטעראַרישער זשורנאַל „וויאַדאָמאָשטשי ליטעראַצקיע" האָט אַטאַקירט אידישע גייסטיקע ווערטן, וואָרום אַזוי אָרום האָט זיין רעדאַקטאָר, מיעטשיסלאַוו גרודזעווסקי, גערעכנט צו באַווייזן, אַז גאָרנישט בינדט אים מער צונויף מיט זיינע אידישע וואָרצלען. אין אַזוי פיל היינטצייטיקע אידיש־אַמעריקאַנער געלערנטע און שרייבער זיצט דער אידישער מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס. מען חלשט צו עפענען פאַר זיך די טויערן פון דער גוישער געזעלשאַפט, מען חלשט אַריינגענומען צו ווערן ווי „גלייכע", און מען מאַכט דעם קאָמי־טראַגישן אָנשטעל, אַז מען האָט זיך פולשטענדיק באַפרייט פון אידישן „איבערבלייב" צי פון אידישן „אַנוואוקס". מען באַשפּייט אייגענע טאַטע־מאַמע, מען וואַרפט שמוץ אויף דער אידישער היים, מען פאַרוואַנדלט שיינע אידישע מידות אין עקלהאַפטע אייגנשאַפטן, מען צייכנט אידישן כאַראַקטער אין אַ וואולגאַרער קאַריקאַטור, און מען מאַכט כלערליי אַקראָבאַטישע שטיק כדי אויפצואווייזן, אַז מען האָט זיך לחלוטין דערווייטערט פון דער אידישקייט, אין וועלכער מען איז געבוירן געוואָרן. אָבער וואָס מען דערגרייכט צו באַווייזן אייגנטלעך, איז, אַז מען האָט פאַרלוירן דאָס געפיל פון זעלבסטווירדע, און אַז אידישקייט איז פאַרבליבן פאַר די דאָזיקע מענטשן אַ האַרבער פּראָבלעם.

די אַנטי־אידישע שטעלונג, וואָס מאַרקס האָט אָנגענומען, זיין גלייכגילטיקייט צום אידישן גורל, זיין אויבערפלעכלעכע און בייזוויליקע אָפּהאַנדלונג וועגן דער אידן־פראַגע, זאָגן עדות, אַז אידישקייט איז פאַר אים געווען אַ שווער פּראָבלעם. זיין פיינטלעכע באַציונג צום פאָלק, פון וועלכן ער האָט געשטאַמט, האָט באַדאַרפט איבערציינגן אַלעמען, און באַרואיקן אויך גוים אַליין, אַז קיין שום שאָטן פון „חשד" קאָן מער נישט פאַלן אויף זיין געשטאַלט; אַז ער איז ווייט אַוועק פון יענע „הלויס", וואָס מיט זיי האָט ער געהאַט צו טון אין זיין קינדהייט; אַז גאָרנישט בינדט אים מער צונויף מיט זיינע זיידעס און פעטערס, די רבנים; אַז ער איז בכן אַ גלייכער מיט גלייכע **אין די אייראָפּעאיש־קריסטלעכע קרייזן, אַ גלייכער מיט העגעל,** מיט פויערבאַך, מיט זיין שווער, דער פרייסישער ראַטגעבער לודוויג פאָן וועסטפאַליען.

אָטאָ בולע אין זיין מאַרקס־ביאָגראַפיע באַמערקט, אַז ווען מען לייענט וואָס מאַרקס האָט געשריבן וועגן אידן, דאַכט זיך אויס, ווי ער וואָלט אויסגעשריען אין די אויערן פון דער וועלט: זייט וויסן, אַז איך, קאַרל מאַרקס, בין נישט קיין איד!... אָבער די איראָניע באַשטייט דערין, וואָס ער האָט קיינעם נישט איבערצייגט. ער האָט נישט איבערצייגט פריינט. פרידריך ענגעלס האָט אים באַטראַכט ווי „אַ איד פון ריינסטן בלוט". ער האָט נישט איבערצייגט קעגנער. דער אַנאַרכיסט באַקונין האָט אים אָנגעגריפן צוליב זיין אידישקייט און געהאַלטן, אַז מאַרקס האַנדלט אין אייניקייט מיטן אידישן פאָלק, וואָרום אַזעלכע זיינען זיי די אידן: אַפילו ווען די פּאָליטישע חילוקי־דעות טיילן זיי פונאַנדער, זיינען זיי אין דער אמתן געקניפּט און געבונדן צווישן זיך. דער אידעאָלאָג פון דער ראַסן־טעאָריע אויגוסט דירינג האָט געזען אין מאַרקסן אַ טיפּישן פאָרשטייער פון דער אידישער ראַסע, וואָס וויל אָנגיין ווי אַן אויסדערוויילטער. אין דער רעאַקציאָנערער פּראָפּאַגאַנדע ווערט דער מאַרקסיזם כסדר געסטעמפּלט ווי אַ „פּראָדוקט פון אידישן גייסט", און אַזוי פיל שונאי־ישראל מיידן נישט אויס אונטערצושטרייכן, אַז דער שעפער פון דער מאַרקסיסטישער שול פון געדאַנק איז געווען „דער איד קאַרל מאַרקס". ער האָט צומאָל נישט איבערגעצייגט זיינע אייגענע קינדער. זיין באַליבטע טאָכטער עלעאָנאָר האָט גראָד אַרויסגעוויזן אַ וואַרעמען אינטערעס פאַרן אידישן כלל. זי האָט געטיילט די פריידן און ליידן פון די אידישע אַרבעטער אין דער איסט־סאַיד פון לאָנדאָן און געוואָלט, אַז מען זאָל זי באַטראַכטן ווי אַ אידישע טאָכטער.

די ביטערע איראָניע באַשטייט אויך דערין, וואָס קאַרל מאַרקס, וועלכער האָט פּרעטענדירט „צו ענדערן די וועלט", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, איז צומאָל נישט געווען בכוח צו לעזן זיין אייגן „אידיש פּראָבלעם". ביי דעם גאַנצן זשעני פון זיין אינטעלעקט און ביי זיין גאַנצן שוואונג פון אַ רעוואָלוציאָנער, איז ער פאַרבליבן אַ פּסיכיש־צעשפּאָלטענער, פאַרביטערטער, פון אידישן מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס צעפּרעסענער, משומד.

# אַן אומבאַקאַנטע אידיש־איבערזעצונג פון „טויזנט און איין נאַכט"

פון חיים ליבערמאַן

## א.

די דערציילונגען „טויזנט און איין נאַכט" זיינען אַ סך יאָרן געווען באַקאַנט בלויז אין די מזרח־לענדער. צו די מערב־לענדער האָבן זיי ערשט דערגרייכט אינעם אָנהויב פון אַכצנטן יאָרהונדערט, ווען מ'האָט זיי גענומען איבערזעצן אין אייראָפּעאישע שפּראַכן. צומערשט איז דערשינען די פראַנצויזישע איבערזעצונג; און פון איר זיינען זיי איבערגעזעצט געוואָרן אין דייטש, רוסיש און אַנדערע לשונות. אינעם 19־טן יאָרהונדערט זיינען זיי באַקאַנט געוואָרן אין דער וועלט, דורך איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכן.

וואָס שייך אידיש, פאַרצייכענען די ביבליאָגראַפן ווי די סאַמע־ערשטע די איבערזעצונג פון פראַנקפורט־דאָדר (אָדער), תקנ"ו (1796). אינעם שער־בלאַט פון אָט־דער איבערזעצונג לייענען מיר: „צו ערשט ווער זיא אין (אַראַבישי) שפּראַכע, דאַ פאָן זיא דען נאַמען האַט (אַראַבישע ערצעהלונג). דער נאָך וואורד זיא אין פראַנצעזישען אונד אין האָללענדישען און האָך דייטשען אונד יעצט אין יודיש דייטש איבר זעצט"...

די ביבליאָגראַפן האָבן פאַרזען, אַז די ערשטע אידיש־איבערזעצונג איז נאָך געווען פריער פאַר די איבערזעצונגען, נאָך דעם פראַנצויזישן. דאָס אָפּדרוקן זי האָט זיך אָנגעהויבן גלייך נאָכן פאַרענדיקן די פראַנצויזישע איבערזעצונג. שוין אין יאָר תע"ח (1718) — נאָכדעם ווי אין 1717 איז דערשינען דער לעצטער טייל פון דער ערשטער איבערזעצונג אין פראַנצויזיש — האָט זיך אָנגעהויבן דאָס דרוקן די אידיש־איבערזעצונג. אָבער ווי ס'זעט אויס איז דער ענין נישט אַדורכגעפירט געוואָרן; און צוליב סיבות, וועלכע זיינען מיר נישט באַקאַנט (מען קען בלויז מאַכן השערות) זיינען בלויז דערשינען 21 נעכט.

דער איבערזעצער האָט פאַרהוילן זיין נאָמען. פונעם סטיל איז זיין הקדמה און אַריינפיר זעט מען, אַז ער איז געווען אַ בר־אוריין און אויך נאָנט צו דער וועלטלעכער ליטעראַטור. ס'איז אינטערעסאַנט, וואָס אָט־דאָס פראַנצויזישע בוך איז נאָר־וואָס געהאַט דערשינען און שוין איז עס געקומען אין זיין האַנט און ער האָט עס אָנגעהויבן איבערזעצן. אפשר איז ער געווען אַן איינוואוינער פון פראַנקרייך. דאָס זעט זיך דערפון, וואָס אין דער איבערזעצונג טרעפן מיר זיך אָן אויף פראַנצויזישע ווערטער (אַמבראַ, מאַדאַם און נאָך); כאָטש דאָס קען פאַרט נישט זיין קיין פולער באַווייז, ווייל ס'איז געמאָלט אַז דאָס איז די השפעה פונעם פראַנצויזישן לשון פון וועלכן די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן. דער פּריז פונעם בוך איז באַשטימט אין דער שטערלינג־וואַלוטע.

כ'וויל דערביי באַמערקן, אַז יענער איז נישט בלויז געווען איבערזעצער, נאָר אויך... פּלאַגיאַטאָר. ווייל אינעם נוסח פון שער־בלאַט, ווי אויך אין דער הקדמה, איז אַפילו נישטאָ דער מינדסטער רמז, אַז דאָס איז נישט קיין אָריגינעל ספר נאָר אַן איבערזעצונג. אַדרבא: פונעם לשון אין דער הקדמה באַקומט דער לייענער דעם איינדרוק, אַז ער האָט פאַר זיך אַן אָריגינעל בוך אין אידיש. ער שרייבט צווישן די גראַמען: „...פון מיר אויז גטראַכט, אונ וואול אונ היפש גמאַכט".

ער האָט זיך אויך נישט באַנוצט מיטן אָריגינעלן נאָמען („טויזנט און איין נאַכט”), נאָר עס האָט עס געגעבן אַ העברעאישן נאָמען. כ'וויל זיך נישט שעמען מודה צו זיין: ווען דאָס ספר איז מיר צום ערשטן מאָל געקומען צו דער האַנט און כ'האָב געזען זיין נאָמען, ווי אויך אַריינגעבליקט אינעם נוסח פונעם שער־בלאַט און הקדמה מיטן אַריינפיר, האָב איך אָנגענומען, אַז כ'האָב פאַר זיך אַ וויכטיקע אַנטפּלעקונג: אַ אידישער נוסח פון די דערציילונגען „טויזנט און איין נאַכט”; אַן אימיטאַציע פונעם אַראַבישן נוסח. דערנאָך, ביים אַריינקוקן אין די דערציילונגען, האָב איך זיך אַנטוישט און געזען, אַז זיי זיינען בלויז אַן איבערזעצונג פונעם באַקאַנט־אַראַבישן טעקסט.

## ב.

צו די דערציילונגען קומט אַן אַריינפיר, וואָס איר אינהאַלט איז אַ דערציילונג אויסער די טויזנט און איינע. זי געהערט נישט צו זיי, נאָר דינט זיי ווי אַ ראַם; בכדי צו לאָזן וויסן די לייענער, וויאַזוי די זאַכן האָבן זיך אַנטוויקלט און ס'איז געקומען דערצו וואָס מ'האָט בכלל גענומען דערציילן מעשהס; ובפרט די מעשהס פון טויזנט און איין נאַכט במשך פון אַזאַ לאַנגער צייט. דער אינהאַלט פון דער ראַם־דערציילונג איז בקיצור אַזאַ:

ס'איז אַ מעשה מיטן פּערסישן מלך שאַהריאַר, וואָס זיין ווייב האָט אים פאַרראַטן און ער האָט זי געהייסן אומברענגען. זינט דאַן פלעגט ער יעדן טאָג נעמען אַ פרישע ווייב און זי אַרויסגעבן צום טויט ווען דער טאָג האָט אויפגעלויכטן, נאָך דער חופה־נאַכט. די לאַנד־מיניסטאָרן האָבן קעגן דעם נישט געפונען קיין עצה. מיט דער צייט האָט די טאָכטער פון איין מיניסטער, מיטן נאָמען שעכעראַזאַדאַ, פאָרגעלייגט איר פאָטער, אַז ער זאָל זי חתונה־מאַכן מיטן מלך. זי איז געווען זיכער, אַז זי וועט קענען אָפּשאַפן די גזירה און ער וועט זי לאָזן לעבן. איר פאָטער האָט אויף איר אָנגעשריגן, אָבער גאָרנישט געפועלט און זי האָט חתונה־געהאַט מיטן מלך. די ערשטע נאַכט האָט זי אָנגעהויבן דערציילן זייער אַ שפּאַנענדיקע מעשה, אָבער נישט באַוויזן צו ענדיקן זי ביז דער טאָג האָט אויפגעלויכטן. דער מלך, וואָס האָט געגלוסט צו הערן דעם סוף פון דער מעשה, האָט אָפּגעלייגט דאָס הרגענען זי אויף מאָרגן. אָבער אין דער צווייטער נאַכט האָט זי פאַרענדיקט די נעכטיקע מעשה, נאָר אָנגעהויבן דערציילן אַ צווייטע, וואָס איז געווען נאָך מער שפּאַנענדיק ווי די ערשטע; און אויך זי האָט זי נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן. דורך אַזאַ נאַכט נאָך נאַכט און פון מעשה צו מעשה, זיינען אַריבער טויזנט מיט איין נאַכט. דערווייל האָט זי פאַרשווענגערט און געבוירן אַ קינד. האָט דער מלך זי געלאָזט לעבן און די גזירה איז בטל געוואָרן.

אָט־די דערציילונג, אין דעם נוסח, געפינט זיך אין די פילצאָליקע אויפלאַגעס פון טויזנט און איין נאַכט; איינגעשלאָסן די פריער־דערמאָנטע אידיש־אויסגאַבע פון פראַנקפורט ביים אָדער. זי איז באַקאַנט יעדן איינעם, וועלכער האָט זיי געלייענט. דער נאָמען „שעכערעזאַדאַ” איז געוואָרן אַ באַגריף אין דער וועלט־ליטעראַטור.

די אַריינפיר־מעשה — אונטערן נאָמען „איין שיינה היסטאָריע פון איין קיניג אויש דעם לאַנד פערסיען”, חמו״ד (23), עמ. 8, אותיות צ״ר — איז געדרוקט געוואָרן ווי אַ זעלבסטשטענדיקע דערציילונג; אָפּגעריסן פון „טויזנט און איין נאַכט”. דערפאַר האָט דער אַנאָנימער דרוקער זי געמוזט פאַרענדיקן מיט אַן אַנדער נוסח. אָט זיינען די שלוס־שורות: „אַזו ערציילט זיא [שאַכהעראַזאַדע] פיל פייני גישיכטי אונ דר (סולטאַן) הערט זיא צו אונ עש גיפעלט אים זייער וואָוול. ער זאָגט איך מעכט גערן אויש הערין דיא גישיכטין און עש דויארט זייער לאַנג ביז עש איז פר גאַנגין דר צאָרין פון דעם (סולטאַן). אַלזאָ לאָזט ער זיא לעבין אונ זייא זעהין קינדר און קנדש קינדר: ענדי די גשיכטי”.

זי איז, זעט אויס, געדרוקט געוואָרן אָדער אין סוף פונעם אַכצנטן, אָדער אין אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט. מען דאַרף פאַרגלייכן די איבערזעצונג מיטן אַריינפיר צו „טויזנט און איין נאַכט” פון דער פריער־דערמאָנטער פראַנקפורטער אויסגאַבע. אויב ביידע זיינען אידענטיש, איז אָט־די דערציילונג מן־הסתם געדרוקט געוואָרן נאָך תקנ״ו. אָבער וויבאַלד זיי זיינען נישט אידענטיש, איז אפשר מעגלעך, אַז זי איז געדרוקט געוואָרן פריער. צו מיין באַדויערן האָב איך, אין איצטיקן מאָמענט, נישט געקענט געפינען די אויסגאַבע פון יאָר תקנ״ו.

אונזער אַנאָנימער איבערזעצער האָט אָבער בלויז איבערגעזעצט די מעשהס פון טויזנט און איין נאַכט. די דערעפענונגס־דערציילונג האָט ער נישט איבערגעזעצט, נאָר אָפּגעדרוקט זיינס אַן אייגענעם אַריינפיר. אויך דאָ איז פאַראַן אַ ראַם־דערציילונג, אָבער אין אַן אַבסאָלוט־אַנדערער ווערסיע: נישט שאַהריאַר, דער קעניג פון פערסיע, נאָר דער גרויסער בענדראַרי, דער קעניג פון אינדיע. דער קעניג הרגעט נישט טאָג־טעגלעך זיינע ווייבער, נאָר ער וויל בכלל נישט חתונה האָבן. די דערציילערין פון די מעשהס איז נישט שעכערעזאַדאַ, נאָר איר נאָמען איז מיליליאַ. די מעשהס דערציילט זי נישט אין די נעכט, נאָר אין די נאָכמיטאָגן; און נישט אינעם מלכס שלאָף־צימער, נאָר אין זיין פּאַלאַץ־גאָרטן, אין דער אָנוועזנקייט פון זיינע מיניסטאָרן. זי האַקט נישט אָפּ די מעשהס אין מיטן, נאָר פאַרענדיקט זיי; און נישט במשך פון טויזנט און איין נאַכט, נאָר במשך שס״ה (365) טעג. דאָס איז אַ לאַנגע מעשה, וואָס ציט זיך אויף 80 זייטן, פול מיט פאַרפּלאָנטערטע אַוואַנטורעס, סכנות און רעטונגען, ווי אויך אַלערליי געשעענישן — צווישן זיי פאַרווייַלנדיקע. עס פעלט דאָרט אויך נישט קיין ביסל פאַרנאָ. איין מעשה קייטלט זיך אין דער צווייטער און כ'וועל דאָס פאַרצייכענען בקיצור נמרץ:

ס'איז אַ מעשה מיט בענדראַרי דעם גרויסן, וועמען דאָס ווייב האָט פאַרראַטן און ער האָט זי געהייסן אומברענגען. אָבער כאָטש ער האָט נאָכנישט געהאַט קיין קינדער, האָט ער מער נישט געוואָלט נעמען קיין אַנדער ווייב. ער האָט באַשלאָסן, אַז ס'זיינען נישטאָ אויף דער וועלט קיין ווייבער, וועלכע זיינען טריי זייערע מענער. די גדולים פון דער מלוכה זיינען געווען דערפון שטאַרק באַזאָרגט, ווייל ס'וועט נישט בלייבן קיין יורש פונעם קעניגלעכן שטאַם און די מלוכה־שטול וועט אַריבער צו פרעמדע. דערפאַר האָבן זיי אים צוגערעדט, אַז צוליב דער טובה פון דער מדינה איז ער מחוייב צו נעמען אַ ווייב און איבערלאָזן אַ יורש. נאָכדעם ווי זיי האָבן אים געבעטן אַ לאַנגע צייט, האָט ער זיי ענדלעך נאָכגעגעבן. אָבער מיט אַ באַדינג: אויב ער וועט באַקומען אַפילו דעם סאַמע־מינדסטן חשד אויף זיין ווייב, וועט ער אומברענגען נישט בלויז זי אַליין, נאָר אויך איר גאַנצע משפחה צוזאַמען מיט אַלע מיניסטאָרן וועלכע האָבן אים געראָטן צו נעמען אַ ווייב. זייער הסכמה צו אָט־דעם באַדינג דאַרפן זיי אים געבן שריפטלעך, מיט אייגנהענטיקע אונטערשריפטן. דערפאַר האָט קיין שום פרוי נישט געוואָלט ריזיקירן לויט אַזאַ באַדינג.

איינמאָל האָט די טאָכטער פון אַ מיניסטער — איר נאָמען איז געווען מיליליאַ — פאָרגעלייגט איר פאָטער, ער זאָל זי חתונה־מאַכן מיטן מלך. זי איז געווען זיכער אין זיך, אַז ער וועט ביי איר נישט געפינען קיין שום אויסרייד, אַפילו דעם מינדסטן, פאַר אַ חשד. איר פאָטער האָט אויף איר אָנגעשריגן: וויאַזוי וואָגט זי צו שטעלן אין סכנה סיי זיך און סיי די גאַנצע משפחה, צוזאַמען מיט די מיניסטאָרן, וועלכע וועלן אונטערשרייבן דעם באַדינג? אָבער ווען זי האָט זיך איינגע'עקשנט מיט אירע געבעטן, האָט דער פאָטער זי אַריינגעפירט צום מלך און זי האָט פאָרגעלייגט דעם מלך אַ פּרובע אויף אַ יאָר צייט. דאָס מיינט: ער זאָל מיט איר נישט חתונה־האָבן באַלד, נאָר ער זאָל זי אַריינגעמען אין זיין פּאַלאַץ אויף אַ יאָר. יעדן טאָג וועט זי אים דערציילן מעשהס, פון וועלכע דער מלך וועט זיך איבערצייגן, אַז זיין באַשלוס — באַשר ס'זיינען נישטאָ קיין טרייע ווייבער אויף דער וועלט — איז נישט קיין ריכטיקער. במשך פון אָט־דעם יאָר, וועט ער אָגב קענען האַלטן אַן אויג אויף איר פירונג; און ביים סוף פונעם יאָר וועט ער קענען משפטן, לויט איר התנהגות, אויב זי איז מסוגל צו זיין אומטריי. דערנאָך וועט ער דאַרפן באַשליסן: אָדער ער נעמט זי אָן שום באַדינג, אָדער ער זאָל זי פאַרטרייבן פון זיין פּאַלאַץ און געענדיקט.

דער מלך האָט מסכים־געווען צו איר באַדינג. ער האָט זי אַריינגענומען אין זיין פּאַלאַץ; און טאָג־טעגלעך פלעגן זיך פאַרזאַמלען דער מלך און זיינע מיניסטאָרן נאָכמיטאָג. זיי פלעגן אַריינגיין אינעם קעניגלעכן גאָרטן און זי פלעגט קומען זיי דערציילן אירע מעשהס. דערנאָך פלעגן זיי זיך אומקערן אין זייערע היימען. אַזויאַרום האָט זי באַוויזן, במשך פונעם יאָר, צו דערציילן 365 מעשהס. ביים סוף פונעם יאָר האָט דער מלך זי גענומען אָן שום באַדינג. זיי האָבן געלעבט גליקלעך און איבערגעלאָזט אַ יורש פאַר דער מלוכה־שטול. אָט־די 365 מעשהס הויבט ער טאַקע אָן צו דרוקן. לויט דעם קומט אויס, אַז בלויז די מעשהס פון טויזנט און איין נאַכט האָט ער פּלאַגיאַטירט. דאַקעגן די אַריינפיר־דערציילונג איז אָריגינעל, אַבסאָלוט זיינע. סיידן מ'זאָל אָננעמען, אַז אויך זי האָט ער גענומען ערגעצוואו און זי בלויז אויסגעברייטערט מיט זיינס אַן אייגענעם צוגאָב. דאָס דאַרף נאָך אויפגעקלערט ווערן.

לויטן אַריינפיר איז פאַרשטענדלעך, הלמאַי ער האָט אין זיין איבערזעצונג זיך נישט געקענט באַנוצן מיטן אָריגינעלן נאָמען און דערפאַר האָט ער אים פאַרטוישט אויף „מראות הצובאות”; ווייל אין יענע טעג האָט זיך געפירט צו געבן העברעאישע נעמען אויך פאַר ספרים אין אידיש; און ווי ס'איז דער שטייגער, האָבן די מערהייט העברעאישע נעמען פון ספרים אַפילו נישט אָנגעוואונקען אויף זייער אינהאַלט [1]).

## ג.

חוץ יענעם אַריינפיר האָט דער איבערזעצער געגעבן צוויי הקדמות. אין דער ערשטער דערציילט ער, אַז ער איז אַמאָל אַ רייכער און אָרנטלעכער מענטש. ווען די רייכקייט איז פון אים אַוועק, איז ער בלויז געבליבן ביי דער אָרנטלעכקייט אַליין. דאַן האָט ער גענומען טראַכטן וועגן דעם, פון וואָס ער זאָל ציען זיין פרנסה און באַשלאָסן: ער וועט

מחבר־זיין אַ ספר און ציען חיונה פון זיין פאַרקויף. דערפאַר גיט ער איצט זיין ספר צום דרוק און האָפט, אַז מ'וועט עס קויפן. ער איז אויך זיכער, אַז די קונים וועלן שטאַרק הנאה־האָבן פונעם לייענען, ווייל זיי וועלן דאָרט געפינען אַ סך זאַכן פון וועלכע זיי האָבן פריער נישט געזען און נישט געהערט: מוסר־השכלס, חכמה־רייד, לאַנד־פירונגען, קריגס־דערציילונגען און וועלט־פּאַסירונגען. צוזאַמען מיטן לייענען וועלן זיי אויך טון די מצווה פון גמילת־חסדים מיט אים. דאָס ספר וועט אויך ברענגען נוצן די לידיק־גייער, וועלכע וועלן עס לייענען און נישט פטרן זייער צייט אומזיסט, ווייל „בטלה מביאה לידי שיעמום" [2]). היות ווי ער האָט נישט גענוג מיטלען צו דרוקן דאָס גאַנצע ספר מיטאַמאָל, האָט ער באַשלאָסן צו דרוקן עס ביסלעכווייז, במשך פון אַ יאָר; אַ „בויגן" וועכנטלעך, וואָס וועט קאָסטן די קונים אַ שילינג אָדער צוויי. דורך אַזאַ קלייגער הוצאה וועכנטלעך וועלן זיי באַקומען שפּאַנענדיק לייען־מאַטעריאַל. ביים סוף פון יאָר וועלן זיי איינבינדן די העפטן און זיי וועלן האָבן אַ גאַנץ ספר; אָן דעם ער זאָל זיך שטאַרקן אָנשטרענגען ביים דרוקן און זיי ביים קויפן.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט אויסגערעכנט: אין יעדער „בויגן" קענען אַריינגיין זיבן דערציילונגען; אַ מעשה פאַר יעדן טאָג פון דער וואָך. במשך פון די 52 וואָכן פון יאָר וועט ער, בכן, קענען אָפּדרוקן אַלע 365 דערציילונגען פאַר אַלע טעג פונעם יאָר. מ'קען אפילו אָננעמען, אַז צוליב דעם האָט ער פאַרוואַנדלט די נעכט אין טעג און אַריינגעפּאַסט די טויזנט און איין נאַכט אין 365 טעג, בכדי ס'זאָל אַרויסקומען אַ דערציילונג פאַר יעדן טאָג. אָבער גיכער לייגט זיך אויפן שכל, אַז אָט־דער אויסטויש — צוזאַמען מיטן נאָמען „מראות הצובאות" — האָט בלויז געדאַרפט פאַרדעקן דעם פּלאַגיאַט.

אין אָט־דער ערשטער הקדמה גיט ער אויך אָן די סיבה, פאַרוואָס ער האָט די דערציילונגען באַצייכנט מיטן נאָמען „מראות הצובאות". ראשית־כל איז עס דערפאַר, ווייל די מערהייט דערציילונגען איז וועגן פרויען און דאָס איז מרמז אויף דעם וואָס ס'שטייט געשריבן אין דער תורה [3]) ווי אַ לויב פאַר די פרויען פון דער מדבר, וועלכע האָבן געבראַכט זייערע שפּיגלען פאַרן משכן און זוכה־געווען, אַז זיי זאָלן אָנגענומען ווערן פאַר דער אַרבעט פונעם משכן, ווי אַ לוין דערפאַר וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן זייערע צירונגען פאַרן מאַכן דעם עגל [4]). שנית, איז אָט־דער נאָמען מרמז, אַז אָט־די דערציילונגען זיינען „אַ שפּיגל פאַר דער וועלט". דאָס מיינט: זיי שפּיגלען אָפּ דאָס לעבן אויף דער וועלט, מיט אַלע מעלות און חסרונות. פּונקט ווי אַ מענטש, וועלכער קוקט אין שפּיגל, זעט די איינשמירונג פון זיין פּנים און רייניקט עס — אַזוי וועט אַ מענטש לייענען אָט־די מעשהס, זען די איינשמירונג פון זיין פירונג און עס באַזייטיקן. פּונקט ווי דער שפּיגל נוצט בעיקר צו צירן זיך און באַשיינען, אַזוי באַווירקן אויך אָט־די מעשהס דעם לייענער, אַז ער זאָל זיך שיין־מאַכן פאַרן רבונו־של־עולם און פאַרבעסערן זיינע מעשים. הכלל: דער נאָמען „מראות הצובאות" איז מרמז, אַז אָט־די דערציילונגען זיינען אייגנלעך „אַ מוסר־ספר". ער האָט אויך צוגעגעבן, אַז צוליב געוויסע טעמים וועט ער נישט אויפדעקן זיין נאָמען, ביז ער וועט פאַרענדיקן דאָס אָפּדרוקן ס'גאַנצע ספר. אַ סברא, אַז די ביבליאָגראַפן און חכמי־אידיש זיינען נישט געקומען אויפן רעיון, אַז הינטערן נאָמען „מראות הצובאות" באַהאַלט זיך אַ אידיש־איבערזעצונג פון טויזנט און איין נאַכט.

ד.

דער אַנאָנימער איבערזעצער האָט מורא־געהאַט (אפשר מיט רעכט), אַז ס'וועלן זיך געפינען קריגער אויף אַזאַ „מוסר־ספר". דערפאַר האָט ער געפעדערט די רפואה צו דער מכה, אין אַ צווייטער הקדמה, וואו ער גיט אָן ענטפער אויף מעגלעכע טענות.

א) פאַרוואָס זיינען די מערהייט דערציילונגען וועגן פרויען? דערפאַר ווייל ער האָט איינגעזען, אַז דער מצב פון די פרויען אין זיין צייט איז גאָר אַ געפאַלענער. ווען מען איז זיך משדך, קוקט מען נישט צופיל אויפן „קרן" אַליין — צי די פרוי גופא איז גוט אָדער אומגוט, אַ מיוחסת אָדער נישט — אַבי זי ברענגט מיט זיך אַ לייטישן נדן. מענער באַציען זיך נישט צו זייערע ווייבער מיטן געהעריקן רעספּעקט. צווישן פאָלק הערט מען אָפט אַזאַ מין זאָג: „עש איז דאָך ניקש, אַלז איין נערישה פרויא" (דאָס מיינט: ס'איז דאָך נישט מער ווי אַ נאַרישע אידענע). זיכער זיינען פאַראַן נישט־לייטישע פרויען, וועלכע ברענגען שלעכטס נישט בל־יז אויף זיך אַליין, נאָר אויך פאַר זייערע מענער און קינדער. אויף זיי זאָגט דער פּסוק „שקר החן והבל היופי" [5]). דאָס מיינט „החו" איז די ראשי־תיבות פון הדלקה, חלה, נידה — די דריי מצוות וויילכע זיינען געגעבן געוואָרן די פרויען (אָנצינדן שבת־ליכט, נעמען חלה פון געבעקס, און היטן דעם בלוט־פעריאָד); און פרויען ביי וועלכע דער „החן" איז שקר — ווייל זיי באַציען זיך צו דעם מיט נאַכלאָזיקייט און זאָרגן זיך בלויז פאַר זייער שיינקייט — איז אָט־די שיינקייט נישט מער ווי הבל. אָבער די לייענער פון אָט־די דערציילונגען וועלן זען, אַז אויף דער וועלט זיינען פאַראַן פרויען, וועלכע זיינען אָרנטלעך, קלוג און חשוב. אַדרבא: אויף דער וועלט זיינען פאַראַן מער נאַרישע מענער אײדער נאַרישע פרויען. דאָס וועט הויבן אין זייערע אויגן דעם אָנזען פון די ווייבער. די שבחים פון פרויען געפינען מיר אויך אין דער תורה. אַזאַ שטייגער: „מצא אשה, מצא טוב" [6]); און דאָס מיינט איינעם, וואָס ביים משדך־זיין זיך האָט ער זיך נישט געיאָגט נאָכן נדן־געלט, נאָר ער האָט געזוכט און געפונען דעם „קרן"; די פרוי אַליין. בלויז אַזאַ איינער האָט געטראָפן דאָס גוטע. מיר געפינען אויך פרויען, וועלכע האָבן געבראַכט גאולה אויף דער וועלט. אַזאַ שטייגער: אסתר, יעל און יהודית. אויך אין דער גמרא געפינען מיר, אַז פון די פרויען איז געקומען אַ סך גוטס; און אַז תלמידי־חכמים האָבן זיך באַצויגן מיט כבוד צו זייערע ווייבער. דערפאַר דאַרף נישט וואונדערן, וואָס ער גיט די לייענער דערציילונגען וועגן פרויען.

ער גיט צו נאָך עפּעס: כאָטש די מערהייט דערציילונגען זיינען לטובת פרויען, וועלן זיי ברענגען נוצן אויך מענער. פאַרשטייט זיך, אַז נישט פאַר תלמידי־חכמים — וועלכע געפינען דאָך אַלצדינג אין דער תורה — נאָר פאַר די פּשוטע פון פאָלק; ובפרט די לידיק־גייער, ווייל ווי פריער־דערמאָנט „בטלה מביאה לידי שעמום" — און „שעמום" מיינט נישט קיין שגעון, נאָר נישט־גוטע און אומאָרנטלעכע מעשים. ווייל וויבאַלד זיי זיינען בטל פון אַרבעט, האָבן זיי פּרנסה פון אָפּנאַרע־נישן און גניבה. זיי פאַרנעמען זיך מיט זאַכן, וועלכע פירן צו חילול־השם. אָבער אין אָט־די דערציילונגען וועלן זיי זען מענטשן, וועלכע זיינען נישט קיין לידיק־גייער, נאָר זיי פאַרנעמען זיך מיט מלאכות און פאַרשידענע אַרבעטן; זיי זיינען זיך מפרנס בכבוד און פירן אַ בכבודיק לעבן. אָט־די דערציילונגען וועלן אויך ברענגען נוצן די יונגע זין און טעכטער. זיי וועלן לערנען, אַז מ'דאַרף פאָלגן דאָס קול פון עלטערן און לערער, ריידן מיט טאַקט צו דערוואַקסענע; און יענע פון זיי, וואָס זייער מזל האָט גורם־געווען אַז זיי זאָלן מוזן זיין משרתים אין פרעמדע הייזער, וועלן די דערציילונגען זיי באַווירקן נישט צו זיין חוצפּהדיק נאָר זיין טריי זייערע בעלי־בתים. צוליב דעם וועלן זיך יענע פירן מיט זיי מיט חסד און ווייכקייט; זיי העלפן דערגרייכן גוטע שידוכים.

ב) אין דעם ספר זיינען דאָך בלויז פאַראַן מעשהס און משלים, נישט קיין מוסר־רייד? אָבער ווען מען פאַרטראַכט זיך אין אָט־די מעשהס און משלים, געפינט מען אויס, אַז זיי אַליין זיינען מוסר. אין דער תורה געפינט מען מעשהס און משלים, וועלכע זיינען בלויז מוסר. אַזוי, למשל, האָט שלמה־המלך געשריבן דאָס ספר „משלי" וואָס איז כולו־משלים און איז בלויז מוסר. אַ גוטע פרוי איז נישט עפּעס אַנדערש ווי די תורה; און אַ שלעכטע פרוי איז נישט עפּעס אַנדערש ווי עבודה־זרה; אַ חכם איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ צדיק: און אַ נאַר איז אַ רשע. אויך אין דער גמרא געפינען מיר, אַז „איוב לא היה ולא נברא, אלא משל היה" [7]). די גאַנצע מעשה וועגן איוב איז דאָך נאָך אַ מוסר: אַ מענטש וועלכער האָט געהאַט גרויס פאַרמעגן און עשירות אין זיין הויז, זיך נאָכגעגעבן אַלדאָס גוטס. אָבער מיטאַמאָל האָט ער פאַרלוירן אַלצדינג דורך אַ שלעכטער פּאַסירונג, געשלאָגן געוואָרן מיט יסורים, נישט נאָכגעגעבן דעם שטן, וועלכער האָט אים געוואָלט צעמישן, נישט געהאַט קיין תרעומת אויפן אייבערשטן און נישט מורד־געווען צוליב זיינע יסורים, נאָר פּונקט ווי אויפן גוטן האָט ער געדאַנקט פאַרן שלעכטן [8]).

ג) אַ סך דערציילונגען אינעם ספר זיינען וועגן ליבשאַפטן צווישן זין און טעכטער פון מלכים. וועלכער מוסר איז דען פאַראַן אין זיי? אין דער דינסט פון הקדוש־ברוך־הוא זיינען פאַראַן דינער מחמת מורא; ווייל מען שרעקט זיך פאַר דער שטראָף. טייל שרעקן זיך פאַרן עונש אויף יענער וועלט און טייל האָבן פּחד פאַר דער שטראָף אויף דער וועלט; אַז דער „שלימזל" זאָל נישט קומען אויפן געלט, אָדער יסורים אויפן גוף. פאַראַן אָבער אַזעלכע, וואָס דינען מחמת ליבשאַפט; זיי האָבן ליב הקדוש־ברוך־הוא און די תורה. ווער עס לייענט וועגן די פרינצלעכע ליבשאַפטן, וועט איינזען, אַז ס'זיינען פאַראַן נישט־אמתע ליבשאַפטן און אויך אמתע ליבעס. דאָס דערמאָנט, אַז אויך אין דער ליבשאַפט צום אייבערשטן איז פאַראַן נישט־אמתדיקייט. אַזאַ שטייגער: ווען איינער לערנט נישט לשם־שמים, נאָר צוליב באַרימערייַ און גאווה. און פאַראַן אַן אמתע ליבשאַפט, ווי ס'שטייט געשריבן אין דער תורה „ואהבת... בכל לבבך", מיטן גאַנצן האַרץ; „בכל נפשך", אַפילו ווען מ'נעמט ביי דיר דאָס נפש; „בכל מאודך", מיט דיין גאַנצן געלט. דאָס איז די אמתע ליבשאַפט. אויך אין „שיר השירים", וואָס איז קודש־קדשים [9]), שרייבט שלמה־המלך וועגן דער אמתער ליבשאַפט צווישן מאַן און פרוי און ער מיינט בלויז די ליבע צו הקדוש ברוך הוא און כנסת ישראל.

ביים שלוס פון דער צווייטער הקדמה שרייבט ער, אַז ער הויבט אָן — ווי ער זאָגט עס אין דער ערשטער הקדמה — מיט אַ „בויגן" וועכנטלעך, דאָס דרוקן די 365 דערציילונגען, לויט די טעג פונעם

יאָר. ער פֿאַרזיכערט דערביי, אַז ביים סוף פֿון יעדער מעשה וועט ער אויך צוגעבן עפּעס אַ מוסר אָדער אַ חכמה, פֿון וועלכער מ׳קען לערנען. זעט אויס, אַז כאָטש ער האָט געשריבן באשר די מעשהס גופֿא זייַנען מוסר, האָט ער זיך נישט פֿאַרלאָזט אויף די לייענער, אַז זיי זאָלן דאָס פֿאַרשטיין פֿון זיך אַליין.

***

דער נוסח פֿונעם שער־בלאַט: „ב״ה, נדפס בק״ק וואַנזבעק, מראות הצובאות. דז בוך ווערט (שפּיגל) פֿון דער וועלט / פֿון אונז ביליך אַלזו געמעלט / דרינן זיך איין יעטווידער שפּיגלן קאָן / יונג. אַלט. רייך. ארם. פֿרויא אונ מן / פֿון שס״ה מעשיות איז עז איין גריכט / דרויז קומט דר וועלט איין גרוס ליכט [10]) / פֿון אַלי חכמות, מוסר און גרעכטיקייט [10]) / איין יראת שמים צו פֿר ברענגן די צייט [10]) / אך הקב״ה זיינע גבורות צו פֿר שטעהן / ווערט מן אין דיזן בוך פֿיל ערזעהן / בשנת דאָ שפּיגלט אייך (תע״ח) לפ״ק [11]), בדפוס הר״ר ישראל בר אברהם ז״ל [12]), פּ״ב דף, 8, אותיות צו״ר.

דער אינהאַלט: אויף דער צווייטער זייט שער־בלאַט, דף ב, די הקדמה; דף ג—ו, די צווייטע הקדמה; דף ז—מו, „איינגנג (אַריינפֿיר) צו די מעשיות״ (אין די אָנהייבן פֿון די זייטן: מעשה); דף מז—פּב — „הישטוריא פֿון דעם ערשטן טאָג — הישטוריא פֿון דעם זיבנטן טאָג״. די זיבן דערציילונגען דאָ — וויבאַלד זיי זייַנען געווען פֿאַר דער ערשטער וואָך און ער האָט געדאַרפֿט געבן צוויי הקדמות אין דעם דערמאָנטן אַרייַנפֿיר — האָבן נישט געקענט אַרייַן אין צוויי בויגן. דערפֿאַר האָט ער געמוזט דרוקן 82 דפֿים. זייַן פֿריִער־דערמאָנטן צוזאָג, אין דער הקדמה, אַז נאָך יעדער סיפּור וועט ער אויך שרייבן דעם מוסר (השכל) וואָס דרינגט דערפֿון, האָט ער מקיים־געווען אין פֿינף דערציילונגען. צו דער זעקסטער און זיבעטער האָט ער מן־הסתם אָפּגעלייגט דאָס צוגעבן דעם מוסר אויף דער צווייטער וואָך. אָבער כאָטש ער שרייבט אויף דער לעצטער זייט: „הישטוריא פֿולגט פֿון אַכטן טאָג פֿון דעם פֿרינצן דער שוואַרצן אינזלין; זיינר פֿר צויברונג אונ ערעטונג״ — און דאָס מיינט, אַז ער איז געווען גרייט צום דרוקן די צווייטע וואָך — האָב איך אין קיין שום נאָטיץ נישט אָנגעטראָפֿן קיין זכר דערויף. דאָס מיינט, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין הצלחה און מער ווי איין וואָך איז זייַן איבערזעצונג נישט דערשינען.

הכלל: אַן אַנאָנימער פּלאַגיאַטאָר האָט צוערשט איבערגעזעצט, אין יאָר תע״ח, די דערציילונגען פֿון טויזנט און איין נאַכט אויף אידיש. ער האָט זיי פֿאָרגעלייגט ווי אַן ערשטראַנגיק מוסר־ספֿר, וואָס לייענער פֿון אַלע שיכטן קענען דערפֿון שעפּן פֿולע הויפֿנס פֿון מוסר־השכלס.

זאָל אויך באַמערקט ווערן: אין דער פֿירקאָוויטש־קאָלעקציע פֿון לענינגראַד זייַנען פֿאַראַן רעשטלעך פֿון אַ כתב־יד, פֿון „טויזנט און איין נאַכט״. די דערציילונגען זייַנען אין אַראַביש, אָבער מיט העברעאישע אותיות. לויט פֿאַרשער שטאַמט דער מאַנוסקריפּט פֿונעם צענטן אָדער עלפֿטן יאָרהונדערט. דער באַראָן דוד גינזבורג, אין זייַן אַרטיקל (רוסיש, 1890) וועגן דעם כתב־יד אין אַראַביש, וואָס איז געווען אין זייַן באַזיץ, שרייבט („שריפֿטן פֿון דער מזרח־אָפּטיילונג פֿון דער רוסיש־אַרכעאָלאָגישער געזעלשאַפֿט״ באַנד 5, אין רוסיש. סט. פּעטערבורג 1891), אַז אין אָט־די דערציילונגען גייט אַדורך — ווי אַ לייט־מאָטיוו — די רעספּעקט־באַציִונג צו דער פֿרוי. ד״ר י. פּערליס, אין זייַן אַרבעט (דייטש, 1914) „ראַבינישע אגדות אין טויזנט און איין נאַכט״ (מאָנאַטשריפֿט 22), ווייַזט אָן די אידישע השפּעות אויף אָט־די דערציילונגען.

## באַמערקונגען

1) זע אין „שמות הספרים העבריים״, פֿון מנחם־מענדל זלאַטקין, נייַשאַטל תש״י.

2) דאָס אַרומדרייען זיך לײדיק פֿירט צו שגעון... כתובות נט, ב.

3) שמות לז, ח.

4) במדבר רבא כא, יא.

5) משלי לא, א.

6) משלי יח, כב.

7) בבא בתרא טו, א.

8) ברכות מח, ב.

9) ידים, פּרק ג, משנה ה.

10) ס׳איז כדאי אונטערצושטרייכן די גרויסע מאָס פֿון זייַן העזה; וויבאַלד ער האָט געוואַגט צו לויבן אַזוי שטאַרק זייַן אויסגאַבע מיט אַזעלכע שבחים.

11) מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז ס׳אייַנציקע ספֿר ביי אידן, אין וועלכן דער לפ״ק (די ווערטער וועלכע ווייַזן אָן אויפֿן דערשיין־יאָר) ווערט אָנגעגעבן אויף אידיש.

12) לויט ח״ד פֿרידבערג, האָט אָט־דער דרוקער — אין תע״ח — אַריבערגעפֿירט זייַן דרוקעריי פֿון דער שטאָט קייטען קיין יעסניץ („תולדות הדפוס העברי באירופה״, זייט 76). אָבער פֿון אָט־דעם ספֿר זעען מיר, אַז צווישן קייטען און יעסניץ האָט ער זיך פֿאַרהאַלטן אין וואַנזבעק און דאָרט געדרוקט אָט־די אויסגאַבע — און אפֿשר אויך אַנדערע ספֿרים.

# די געדאַנקען־וועלט פֿון זביגניעוו בזשעזשינסקי

פֿון דוד ראָזנטאַל

**מיינונגען** וועגן דער אויסזיכטסלאָזיקייט און סכנה׳פֿולער צוקונפֿט, וואָס דערוואַרט די אַמעריקאַנער, האָבן אין די לעצטע יאָרן נישט געהערט צו די זעלטענע נביאותן. אַזעלכע פּעסימיסטישע קולות האָבן זיך געלאָזט הערן פֿון אַלע זייטן, פֿון דער אינטעלעקטועלער וועלט, פֿון דער פּאָליטישער און אַפֿילו פֿון דעם פּשוטן, גרויען מענטש. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען, וואָס דער באַרימטער פּאָליטישער זשורנאַליסט סטואַרט אַלסאָפּ האָט געשריבן קורץ פֿאַר זייַן טויט: „וואָכן־לאַנג ווי עס מאַטערט מיך אַ דערדריקנדיקער געדאַנק. איך בין נידערגעשלאָגן מחמת דער וואַקסנדיקער אין מיר איבערצייגונג, אַז דער אַמעריקאַנער סיסטעם, אין וועלכן איך האָב תמיד געגלויבט ווי אַ קינד גלויבט אין זייַן משפּחה, האַלט אין דער אמתן ביים פֿונאַנדערפֿאַלן. מיר זייַנען אַ מדינה, אַ פֿאָלק וואָס האָט אַנטוישט״.

אַן ענלעכן געדאַנק האָט אַרויסגעזאָגט, מיט צוויי יאָר שפּעטער, דזשאָרדזש קענען, דער באַקאַנטער אַמעריקאַנער היסטאָריקער און געוועזענער אַמבאַסאַדאָר אין ראַטן־פֿאַרבאַנד און יוגאָסלאַוויע. אין אַ שמועס (פֿאַרעפֿנטלעכט אין לאָנדאָנער „ענקאַונטער״, סעפּטעמבער 1976) מיט דזשאָרדזש אורבאַן, מחבר פֿונעם נאָר־וואָס דערשינענעם בוך „דעטאַנט״ און פּראָפֿעסאָר אין אַ רייע אַמעריקאַנער און ענגלישע אוניווערזיטעטן, שטעלט ער פֿעסט, אַז אַמעריקע ווי אַ קולטור און פּאָליטישע געזעלשאַפֿט געפֿינט זיך אין אַ צושטאַנד, וואָס ברענגט זי נאָענט צו אומגליק, צו אַ זיכערער ירידה. „איך בין אַן אַמעריקאַנער און ווי אַלע פֿון מייַן דור, וואָס זייַנען געבוירן־געוואָרן ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, בין איך אויפֿגעוואַקסן מיט אַ פֿלאַמיקער אמונה אין דער אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע. איך בין געווען טיף איבערצייגט, אַז דער אַמעריקאַנער פּאָליטישער עקספּערימענט האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט אַ פּאָזיטיווע אַנטוויקלונג אין דער געשיכטע פֿון דער מענטשהייט און אַז ער טראָגט מיט זיך אַ ברכה פֿאַר דער צוקונפֿט. איך זע איצט ווי אַלע מייַנע איבערצייגונגען צעפֿאַלן זיך אין שטיקלעך. איך האַלט נישט, אַז די אַמעריקאַנער ציוויליזאַציע פֿון די לעצטע 50־40 יאָר איז אַ דערפֿאָלגרייכע ציוויליזאַציע; איך גלויב נישט, אַז אונדזער פּאָליטישער סיסטעם איז פּאַסיק פֿאַר די נויטן פֿון דער תקופֿה אין וועלכער מיר טרעטן איצט אַרייַן; איך האַלט, אַז אונדזער לאַנד איז פֿאַראורטיילט צו דורכפֿאַלן, וואָס זייַנען טראַגיש און ריזיק־גרויס אין זייערע קאָנסעקווענצן; פֿאַרשטייט זיך, אַז מיט אַזעלכע געדאַנקען איז נישט לייכט אָנצוגיין און צו לעבן״.

אויפֿן הינטערגרונט פֿון די שוואַרץ־זעערישע פֿאָרויסזאָגונגען, איז אַ דערפֿרישונג צו הערן אויך אַנדערע שטימען; צו זייַן אַן עדות פֿון אַ פּרוּוו, וואָס איז דווקא אויסן צו אַנטוויקלען אַ גאַנץ־אַנדערע פֿילאָזאָפֿיע און וואָס שטרעבט, מיט אַ יוגנטלעך־מוטיקן ברען, צו איר פֿאַרווירקלעכונג. ווי מען זאָל נישט קוקן אויף פּרעזידענט קאַרטערס ערשטן האַלבן יאָר אין ווייַסן הויז, ווי פֿאַרשידן עס זאָלן נישט זייַן די אָפּשאַצונגען וועגן זייַן אויסווירקונג אויף דער אינערן און אויסערן פּאָליטיק פֿון אַמעריקע, קאָן מען אָבער בדרך־כלל נישט פֿאַרלייקענען דעם פֿאַקט, אַז ער זוכט אויפֿצולעבן און אויפֿסנייַ צו דעפֿינירן „די אַמעריקאַנער אידיי״ ווי אַ גייסטיקע און פּאָליטישע ריכטונג, וואָס האָט גאָרנישט פֿאַרלוירן פֿון איר אמת און אידעאַליסטישן דינאַמיזם.

אין אָט־דעם פֿאַרמעסט איז דער טעאָרעטישער און פּראַקטישער צושטייער פֿון זביגניעוו בזשעזשינסקי, דעם פּרעזידענטס ראָטגעבער פֿאַר זיכערקייטס־ענינים, פֿון אומגעהויערן באַדייט. מחמת דער וויטאַלער וויכטיקייט פֿון זייַן אַמט באַווירקן זייַנע אויספֿירן, אין אַ דעצידירנדיקער מאָס, דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פֿון אַמעריקאַנער פּאָליטיק און אויך דעם גורל פֿון אַנדערע נאָענטע און ווייטע פֿעלקער און מדינות. בזשעזשינסקי איז זיך מודה, אַז אַן אַפּאָקאַליפּטיש־איינ־